דער New York סטעיט אפיס
פון וויקטים סערוויסעס

# הילף, היילונג, און האפענונג

דורכגיין א פארברעכן קען זיין די אנהייב פון א לאנגע און שווערע פראצעדור פאר די קרבנות און די איבערלעבער, זייערע פאמיליעס און זייערע פריינט. **דער ניו יארק סטעיט אפיס פון וויקטים סערוויסעס (Office of Victim Services, OVS)** איז אנטשלאסן אייך צו העלפן**טרעפן היילונג און האפענונג**ווען איר דארפט עס די מערסטע.

די נאכפאלגן פון סיי וועלכע סארט פארברעכן קען צוברענגען**פיזישע, מעדעצינישע, פינאנציעלע, און עמאציאנאלע סטרעס**פאר די מענטשן אריינגעמישט. איר קענט:

**זיך פארבונדן מיט פראגראמען און פראוויידערס וואס איר האט קיינמאל באגעגנט.**

**לערנען איבער הילפסמיטלען וואס איר האט נישט געוואוסט עקזיסטירט.**

**ארבעטן מיט א לעגאלע סיסטעם וואס קען מאכן צומישט.**

# מחזק זיין קרבנות און איבערלעבער

**דורכמאכן א פארברעכן איז נישט אייער שולד.**
סיי צו איר האט איבערגעלעבט א פארברעכן, געהאלפן די וואס ערהוילן זיך פון א פארברעכן, אדער איר ווילט מחזק זיין איינעם וועם איר האט ליב,**זענט איר נישט אליין.**
OVS קען אייך העלפן **דורכגיין צומישנדע סיסטעמס** בשעת איר ארבעט דורך שווערע סיטואציעס.

**נוצן אייער אייגענע געלט פאר פראבלעמען איר האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט איר וועט האבן.**

**ארבעטן מיט נייע אדער אומערווארטעטע געפילן.**

**באזארגט איבער זיך האלטן אייך און אייערע באליבטע פארזיכערט.**

**אומזיכער איבער וועמען צו געטרויען.**

**OVS האט הילפסמיטלען וואס קענען אייך העלפן.**

# איבערגעבן קריטישע סערוויסעס

איר קענט זיך ווענדן צו OVS פאר הילפסמיטלען און פארגיטיגונגס נאך'ן **דורכמאכן א פארברעכן.**

OVS קען געבן **פינאנציעלע הילף און פארגיטיגונגס-געלט פאר קוואליפיצירטע מענטשן וואס זענען געווארן אפעקטירט דורך פארברעכן פאר ארויס-פון-טאש הוצאות** אזויווי מעדיצינישע און קאונסלינג קאסטן, סוף-פון-לעבן אראנדשירונגען און לוי' הוצאות, פארלוירענע געהאלטן, און נאך.

ווי אויך, OVS **גיבט געלט און חיזוק פאר מער ווי 200 קרבן הילף פראגראמען (o(Victim Assistance Programs, VAP))** איבער ניו יארק סטעיט וואס אפפערן סערוויסעס אזויווי קאונסלינג, הילף מיטן' שטיין אויף די רעכטן, נויטיגע וואוינונגען, זיך אריבערציען הילף, און נאך.

---

## דערמאנונג

OVS געשטיצט דורך oVAP גיבט**אומזיסטע און געהיימע סערוויסעס.** אויב איר זענט דורכגעגאנגען א פארברעכן, דארפט איר עס נישט איבערגעבן פאר די געזעץ אינפארסירונג צו**באקומען הילף פון א VAP.**

# אויספארשן אייערע אפציעס

**זיך פארבונדן מיט א פראגראם,** אדער VAP, איז די **ערשטע שטאפלאי** באשליסן צו איר ווילט פיילן א קלעים מיט OVS איז ריכטיג פאר אייך.

oVAP האבן קרבן געהילפן, סאושעל ווארקערס, אדוואקאטן, און אנדערע טרענירטע אידיווידואלן וואס קענען אייך העלפן. זיי קענען **געבן הילף אויפ'ן פלאץ**פאר מענטשן אפעקטירט דורך פארברעכן אין יעדע געגנט אין ניו יארק סטעיט. oVAP קען אייך העלפן **זיך לערנען איבער אייערע רעכטן, פארשטיין די בענעפיטס און הילפסמיטלען** וואס קענען העלפן, און **ענדיגן אן OVS פארגיטיגונגס אפליקאציע.**

---

צו **טרעפן א VAP** נאנט צו אייך, סקענט אויסצוגעפינען מער אדער באזוכט OVS הילף פארבינדונג ביי:

**ovs.ny.gov/connect**

# איבער פארגיטיגונג

מענטשן אפעקטירט דורך פארברעכן האנדלען אפט מיט הוצאות אפילו **נאכ'ן פיילן אינשורענס קלעימס** אדער מוטשענען אנדערע סארסעס פון פארגיטיגונגס-געלט.**דארט איז וואו OVS קומט אריין.**

**OVS קען אייך מעגליך צוריקצאלן פאר:**

- מעדיצינישע און קאונסעלינג אויסגאבן.
- פארלוסט אדער שאדן פון פערזענליכע פראפערטי וויכטיג פאר געזונטהייט, זיכערהייט, און לעבנסקוואליטעט.
- סוף-פון-לעבן אראנדשירונגען און לויי' אויסגאבן.
- פארלוירענע געהאלט אדער הילף.
- טראנספארטאציע זיך איפצואווייזן אין קאורט אדער מעדעצינישע אפוינטמענטס.
- מופן אויסגאבן אדער איבערפלאצירונג קאסטן.
- היים זיכערהייט אפאראטן און אינסטאלאציע.
- אומקערן פראפערטי אדער פלעצער וואו די פארברעכן איז פארגעקומען.
- אנדערע בארעכטיגטע אויסגאבן צוגעברענגט דורך א פארברעכן.

קרבנות און איבערלעבער אדער זייערע באליבטע קענען פיילן אן **OVS פארגיטיגונג אפליקאציע** אויב זיי**גייען דורך א פארברעכן אין ניו יארק סטעיט** אדער זענען א ניו יארק סטעיט רעזידענט פארמישט אין א טעראר אטאקע אינדרויסן פון די קאנטרי.

## איינגעבן פאר פארגיטיגונג

די שנעלסטע און גרינגסטע וועג צו ענדיגן אן OVS אפליקאציע איז זיך צו **פארב, נדן מיט א פראגראם**, אדער VAP. איר קענט אויך אויספולן די אפליקאציע אנליין.

# פארבינדן מיט OVS הילפסמיטלען, אדוואקאטן, און פראגראמען

## היטן אויף אייער אינפארמאציע:

**OVS** פארשטייט ווי וויכטיג עס איז צו היטן אויף די **פערזענליכע אינפארמאציע געגעבן** אויף אפליקאציע פארמס. די רעקארדס וואס OVS פארלאנגט פאר קלעימס זענען **געהאלטן אין געהיים און פטור פון ווערן ארויסגעגעבן** מיט זייער באגרעניצטע אויסנאמען, אריינגערעכנט:

- געבעטן פאר געזעץ-אימפארסירונג פאר לעגיטימע קרימינאלע יושר צוועקן.
- דשודישאל באפעלן.
- סיבות געפאדערט כדי OVS זאל אויסגלייכן אייער קלעים שנעל און גלאט.

## אויב איר אדער איינער איר נעמט קעיר פון איז דורכגעגאנגען א פארברעכן, קען מעגליך **OVS** קענען העלפן.

OVS Resource Connect איז א זוך מאטאר וואס קען אייך העלפן געפונען oVAP און געהילפן דורך לאקאציע אדער אנדערע הילפבארע הילפסמיטלען ארגאניזירט דורך די וואס זארגן זיך.

סקענט אויסצוגעפינען מער אדער באזוכט:
**ovs.ny.gov/connect**

---

סקענט אויסצוגעפינען מער אדער באזוכט די OVS וועבזייטל:
**ovs.ny.gov**

אימעיל OVS: **ovsinfo@ovs.ny.gov**
רופט OVS טאל-פריי: **1-800-247-8035**

**OVS** אין אלבאני אפיס :
80 S. Swan Street, 2nd Floor
Albany, NY 12210

**OVS** ברוקלין אפיס
55 Hanson Place, Room 1000
Brooklyn, NY 11217

Office of
Victim Services

OVSNY_0002